# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................5:31
מוצאי שב"ק......................7:03

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........................איוב ד'-ה'
בבלי.............................נזיר מ'
ירושלמי....................דמאי ו'
תוספתא............בבא בתרא ד'
רמב"ם......................עדות ו'


פרשת תצוה, שבת זכור, י"א אדר, שנת תשפ"ג לפ"ק — שנה 12, גליון 23 (593)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ בְּבֹאוֹ אֶל הַקֹּדֶשׁ לִפְנֵי ה׳ וּבְצֵאתוֹ וְלֹא יָמוּת. דָאס גֵייט אוֹיף אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אִיד, אִין יֶעדְן דוֹר. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, עֶר פִילְט נִישְׁט קַיין שׁוּם חַיוּת אִין זַיין לֶעבְּן. אוּן דִי עֵצָה דֶערְצוּ אִיז, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדְן טָאג אַוֶועק גֶעבְּן עֶטְלִיכֶע מִינוּט, אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ בְּבֹאוֹ אֶל הַקֹּדֶשׁ לִפְנֵי ה׳ וּבְצֵאתוֹ וְלֹא יָמוּת, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג לָאזְן הֶערְן זַיין קוֹל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַאן, וְלֹא יָמוּת, וֶועט עֶר נִישְׁט שְׁטַארְבְּן, דָאס מֵיינְט אַז עֶר וֶועט נִישְׁט אַוֶועק פַאלְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֵיינְמָאל. ווארויל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

עֶס נֶעמְט אַ שְׁטִיק צַייט וִוי לַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים אוֹיס, אַזוֹי וִוי וֶוען עֶר רֶעדְט צוּ אַ חַבֵר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יב): "הָיָה נִדְמֶה לוֹ תָּמִיד שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל וְאֵין שׁוֹמְעִין לוֹ כְּלָל", וֶוען עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים אוּן מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר בֶּעט, "רַק אַדְּרַבָּא, נִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי הַרְחָקוֹת וּכְאִלּוּ אֵין רוֹצִין בּוֹ כְּלָל וּכְלָל", פַּארְקֶערְט, וִוי מֶער עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט וִוי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, "כִּי הָיָה רוֹאֶה שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלֹא זָכָה עֲדַיִן לְשׁוּם הִתְקָרְבוּת", וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַל כֵּן נִדְמֶה בְּעֵינָיו שֶׁאֵין שׁוֹמְעִין דְּבָרָיו כְּלָל, וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא, מַרְחִיקִין אוֹתוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְרַחֲקוּת מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", דֶערְפַאר הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַדְרַבָּה עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען וִוי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָׁה, "אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד, וְלֹא הִנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ", מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר זִיךְ זַייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמְפַצִּיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים", אַסַאךְ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיים רֶבִּי"ן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זַייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶעדַאוְונְט אוּן גֶעבֶּעטְן אָבֶּער עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, "אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ׳, וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ׳, וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט זִיךְ זַייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל, עַיֵּין שָׁם.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף זַיין זַייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן בֶּעטְן אוּן דַאוֶוענֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס וֶוערְט פַארְמַאכְט דִי גֶעפִילְן, מֶען שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט אוּן מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט; אַדְרַבָּה, מֶען זֶעט נָאר פַארְקֶערְט, מֶען זֶעט וִוי מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט אוּן עֶס רִירְט זִיךְ גָארְנִישְׁט, דַארְף מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶוער עֶס הַאלְט אָן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז זוֹכֶה אַז עֶר בַּאקוּמְט אַ לוֹיטֶערֶע מֹחַ, עֶר הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן אַלֶע פְּחָדִים גֵייעֶן אַוֶועק פוּן אִים, עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, נִישְׁט פוּן קַיין דָאקְטֶער, דֶענְטִיסְט, מַלְאָכִים אוּן אֲפִילוּ פוּנֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶות, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

בֶּעט וַוייטֶער דִי הֶערְלִיכֶע וֶוערְטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּ דִיר", זָאג דָאס אִיבֶּער טוֹיזְנְטֶער מָאל בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אָנְצוּהֵייבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה תְּצַוֶּה ג׳, עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נַחַ תש"פ)

## מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים

מִיר דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ שׁוֹין צוּם הֵיילִיגְן אוּן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב פּוּרִים, וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם פּוּרִים וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר טוּט אַלֶע מִצְוֹת פוּן פּוּרִים, אוּן עֶר נֶעמְט אַרָאפּ אַבִּיסְל צַייט זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים צוּ דֶערְצֵיילְן אַלֶע שְׁוֶועריִקְייטְן וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער. סַיי בְּרוּחֲנִיוּת, וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז אִים בַּייצוּקוּמֶען דֶעם שְׁוֶוערְן יֵצֶר הָרַע וָואס בְּרֶענְט אִים. אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת דִי צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן וָואס עֶר לַיידְט אִין לֶעבְּן; דַאן וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר. עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוּן פְרֵיילִיךְ סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

### לֵיינֶען דִי מְגִילָה

דִי מִצְוָה פוּן לֵיינֶען דִי מְגִילָה אִיז גָאר גְרוֹיס, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז מְחוּיָב צוּ לֵיינֶען אָדֶער הֶערְן דִי מְגִילָה, סַיי מֶענֶער אוּן סַיי

<<<<<<

## א גוט ווארט

גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן שֵׁיין אוּן פִּירְט אַייךְ אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן; קוּקְט צוּ וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה וֶוען מֶען פִּירְט זִיךְ אֵיידְל, דִי נֵס פוּן פּוּרִים אִיז גֶעקוּמֶען דוּרְךְ 'אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה' וַוייל זִי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט זֵייעֶר אֵיידְל. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוּנְז (תַּרְגּוּם אֶסְתֵּר ב, ז): "אֶסְתֵּר הֲווּ קַרְיָן לָהּ", פַארְוָואס הָאט מֶען גֶערוּפְן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה מִיטְ'ן נָאמֶען 'אֶסְתֵּר', אִיר רִיכְטִיגֶע נָאמֶען אִיז נִישְׁט 'אֶסְתֵּר' זִי הָאט גֶעהֵייסְן 'הֲדַסָּה'? "עַל דִי הֲוַת צְנִיעָא בְּבֵיתָא דְמָרְדְכַי, שַׁבְעִין וַחֲמֵשׁ שְׁנִין", וַוייל זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צְנִיעוּת'דִיג אִין שְׁטוּבּ פוּן מָרְדְכַי הַצַּדִיק, "וְלָא חֲזָת אַפֵּי אֱלָהֵן אַפֵּי מָרְדְכַי", דוּרְכְאוֹיס פִינְף אוּן זִיבֶּעצִיג יָאר הָאט זִי נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קַיין שׁוּם פְרֶעמְדֶע מַאן, זִי הָאט נָאר גֶעקוּקְט אוֹיף מָרְדְכַי הַצַּדִיק - דֶערְפַאר הָאט זִי זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז זִי הָאט גֶערַאטֶעוֶועט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל; זֶעט מֶען צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען פִּירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן.

פּוּרִים אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, פּוּרִים קֶען פוּעֶלְ'ן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עד): פּוּרִים אִיז אַ צַייט פוּן זִיךְ בַּאנַייעֶן; וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פוּעֶלְ'ן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, זָאלְט אִיר פוּן יֶעצְט זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ; יֶעדֶע זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט אַייךְ, יֶעדֶע זַאךְ וָואס בַּאדֶערְט אַייךְ - זָאלְט אִיר דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען קֶען פוּעֶלְ'ן דוּרְךְ תְּפִילָה, תְּפִילָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, עֶס דְרֵייט אִיבֶּער דִי טֶבַע.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן וְכוּ׳; מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֶעלְן נָאר מִיט אֵיידֶעלֶע אוּן שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, פּוּרִים דַארְף מֶען וַוייטֶער זַיין צְנִיעוּת'דִיג, פּוּרִים אִיז דָא דֶער זֶעלְבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דִי זֶעלְבֶּע תּוֹרָה.

פּוּרִים דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע אַזוֹי וִוי אַ גַאנְץ יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשי"פ)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# פַּארְוָואס אִיז פּוּרִים גְרֶעסֶער פוּן יוֹם כִּיפּוּר

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה-זָכוֹר, ז׳ אָדָר, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק
לְכָבוֹד טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיִּחְיוּ פוּן יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוַת עֲשֵׂה אוֹיסְצוּמֶעקְן עֲמָלֵק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין תַּנְחוּמָא תֵּצֵא, יא): "אֵין הַכִּסֵּא שָׁלֵם עַד שֶׁיִּמָּחֶה זַרְעוֹ שֶׁל עֲמָלֵק", אַז מֶען מֶעקְט אוֹיס עֲמָלֵק אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט; עֲמָלֵק פַארְדֶעקְט דִי אֱמוּנָה, עֲמָלֵק פַארְדֶעקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלְץ גֶע׳חַזֶר׳ט מִיט אוּנְז אַז עֲמָלֵ"ק אִיז בְּגִימַטְרִיָּא סָפֵ"ק, דִי טוּמְאָה פוּן עֲמָלֵק אִיז אַרַיינְצוּבְרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת אִינֶעם מֶענְטְשׁ, עֲמָלֵק בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי סְפֵיקוֹת פוּן (שְׁמוֹת יז, ז): "הֲיֵשׁ ה׳ בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן"; מִיר דַארְפְן אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק, אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת וּבִלְבּוּלִים וְכוּ׳, מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים; פּוּרִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג. אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר שְׁטֵייט (תִּיקּוּן כא, נז:): "פּוּרִים אִתְקְרִיאַת עַל שֵׁם יוֹם הַכִּפּוּרִים", פּוּרִים אִיז גְרֶעסֶער פוּן יוֹם כִּיפּוּר; וַוייל פּוּרִים אִיז אַ צַייט וָואס מֶען מַאכְט שָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן, מֶען שִׁיקְט מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אֵיינֶער פַארְ׳ן צְוֵוייטְן, מֶען גֶעבְּט צְדָקָה פַאר וֶוער עֶס בֶּעט אוּן מֶען אִיז מַרְבֶּה שִׂמְחָה - דָאס אִיז חָשׁוּבֶ׳ער פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער וִוי אַלְצְדִינְג.

שָׁלוֹם אִיז דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שַׁבָּת י:), שָׁלוֹם אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ; פּוּרִים אִיז אַ צַייט וָואס מֶען בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער, מֶען מֶעקְט אוֹיס דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק - פוּן מַחְלוֹקֶת. הָמָן הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן מַחְלוֹקֶת, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ (אֶסְתֵּר ג, ח): "יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד", זַיין זַאךְ אִיז מַחְלוֹקֶת, וואוּ עֶס אִיז דָא אַ מַחְלוֹקֶת אִיז עֶס פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ - דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן; ווידֶער מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה זֵייעֶר זַאךְ אִיז (אֶסְתֵּר ד, טז): "לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְּהוּדִים", זִיךְ צַאמֶנְעמֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, זֶעט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ; גֶעדֶענְקְט, אִין שְׁטוּבּ אִיז אָסוּר וִויכּוּחִים, מִיט אַ וַוייבּ אִיז מֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְוַוכֵּחַ, מִיט אַ וַוייבּ טַעֲנָה׳ט מֶען נִישְׁט, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: "אַ וַוייבּ אִיז אַלְץ גֶערֶעכְט"; מֶען דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אוֹיף דֶעם, וַוייל דֶער יְסוֹד פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ מַחְשָׁבָה, אוּן כְּדֵי צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ דַארְף זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, אַז מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם מִיט דִי וַוייבּ אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט.

דֶערְפַאר יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב, עֶס טוּט זִיךְ, מֶען מַאכְט הֲכָנוֹת, מֶען גֵייט צוּ דִי עֶלְטֶערְן אוּן מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי מִצְוֹת הַיּוֹם קֶען אַמָאל אוֹיסְקוּמֶען מֶען זָאל פַארְגֶעסְן פוּנֶעם עִיקָר, מֶען קֶען אַרַיינְפַאלְן אִין טַעֲנָה׳רֵייעֶן אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַצִּילֵנוּ מִקְּלִפּוֹת הָמָן וַעֲמָלֵק, הִיט מִיר פוּן מַחְלוֹקֶת, הִיט מִיר פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשַׁת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר, אִיךְ זָאל דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט מַסִּיחַ דַעַת זַיין פוּן דִיר קַיין אֵיין רֶגַע".

אַ פְרֵייליכְן לִיכְטִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּרוּמָה תשפ"א)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

פְּרוֹיעֶן, אוּן אוֹיךְ דִי קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה לֵיינֶען. לְכַתְּחִילָה דַארְף מֶען גֵיין אִין שׁוּל צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה לֵיינֶען, וַוייל "בְּרוֹב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ". אוּן אוֹיבּ קֶען מֶען נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל, דַארְף מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילָה אִינְדֶערְהֵיים אָדֶער וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

וֶוען מֶען הֶערְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי מְגִילָה, אוּן מֶען טְרַאכְט אַרַיין אִין וָואס דָארְט הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט, זֶעט מֶען וִוי דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע נִסִּים זֶענֶען גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן אִין דִי טֶבַע. דָאס מֵיינְט אַז פוּן אוֹיבְּן-אוֹיף וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט מֵיינֶען אַז דִי אַלֶע זַאכְן הָאט פָּשׁוּט אַזוֹי פַּאסִירְט, אַז פּוּנְקְט הָאט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶע׳הַרְגֶ׳ט זַיין קֶענִיגִין וַשְׁתִּי, אַז פּוּנְקְט הָאט מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז בִּגְתָן אוּן תֶּרֶשׁ וִוילְן הַרְגֶ׳ענֶען דֶעם קֶענִיג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה קוּקְט אוֹיס וִוי אַלֶעס אִיז גֶעשֶׁען בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע.

וֶוען דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעעֶנְדִיגְט, אוּן מֶען הָאט צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דִי אַלֶע פַּאסִירוּנְגֶען, הָאט מֶען קְלָאר גֶעזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס אַלֶעס גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן חֶשְׁבּוֹן צוּ הֶעלְפְן אוּן צוּ רַאטֶעוֶוען דִי אִידְן.

דָאס אִיז גָאר אַ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן עֶס קֶען אוֹיסְזֶען וִוי עֶר הָאט אוּנְז אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְט אוּן עֶר קוּקְט זִיךְ נִישְׁט אוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט. דַארְף מֶען אָבֶּער וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא מִיט אוּנְז, עֶר פִירְט יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אֲפִילוּ דִי זַאכְן וָואס זֶעעֶן אוֹיס וִוי עֶס פַּאסִירְט פָּשׁוּט בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, וֶוערְן אֱמֶת׳דִיג אוֹיךְ גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכְן חֶשְׁבּוֹן פַארְוָואס דָאס דַארְף אַזוֹי צוּ זַיין.

וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיס דִי מְגִילָה לֵיינֶען, דַארְף מֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה הָאט יֶעצְט פַּאסִירְט מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ. וַוייל וֶוען מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז אוֹיךְ הַיינְט טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ גְרוֹיסֶע נִסִּים, נָאר זֵיי זֶענֶען בַּאהַאלְטְן אוּן זֶעעֶן אוֹיס וִוי אַ דֶרֶךְ הַטֶּבַע. דִי פְלִיכְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אִין דֶעם, צוּ זֶען אוּן בַּאמֶערְקְן דִי אַלֶע נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים כְּסֵדֶר, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִי אִידְן דֶעמָאלְט אִין דִי צַייטְן פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה.

## מֶען טֵיילְט פַאר יֶעדְן

חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָה פֶּרֶק א׳, הֲלָכָה ד׳) אַז אִין יוֹם טוֹב פּוּרִים "כָּל מִי שֶׁהוּא פּוֹשֵׁט אֶת יָדוֹ לִטּוֹל, נוֹתְנִין לוֹ" - וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס אַ הַאנְט צוּ נֶעמֶען, גֶעבְּט מֶען אִים. בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט דָאס אַז אוּם פּוּרִים טֵיילְט מֶען צְדָקָה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען קוּקְט קֵיינֶעם נִישְׁט נָאךְ, נָאר וֶוער עֶס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס אַ הַאנְט צוּ נֶעמֶען צְדָקָה, גֶעבְּט מֶען אִים.

דָאס גֵייט אָבֶּער אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים אִיז דָא אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עֵת רָצוֹן, אוּן וָואס אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט מֶען אִים גְלַייךְ. מֶען קוּקְט אִים נִישְׁט נָאךְ צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר אִיז יָא וֶוערְד אַז מֶען זָאל אִים הֶעלְפְן אָדֶער נִישְׁט.

אִין תִּקּוּנֵי זוֹהַר (נ"ז:) וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז "פּוּרִים" אִיז אַזוֹי וִוי "יוֹם כִּפּוּרִים". יוֹם כִּיפּוּר אִיז דָאךְ דִי הֵיילִיגְסְטֶע טָאג פוּן יָאר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אִין פּוּרִים, וָואס דֶעמָאלְט אִיז גָאר אַ הֵיילִיגֶע אוּן גֶעהוֹיבֶּענֶע צַייט. וֶוען אַ אִיד הָאט שֵׂכֶל אוּן נוּצְט אוֹיס דֶעם טָאג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין גַאנְצֶע הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת גְרִינְגֶערְהֵייט.

אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע אוּן בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, עֶר פִילְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן; וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט פַאר אִים זִיךְ צוּרִיק צוּ קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אִין פּוּרִים קוּקְט מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט נָאךְ, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיבּ מֶען אִיז יָא וֶוערְד אָדֶער נִישְׁט. אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, קֶען זִיךְ יֶעצְט אוֹיפְהוֹיבְּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן אַז פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער זָאל עֶר שׁוֹין זַיין נָאר וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער אוֹיפְנֶעמֶען מִיט בֵּיידֶע הֶענְט, עֶר וֶועט אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן עֶר וֶועט אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד מִיטְ׳ן נָאמֶען רֶבִּי מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער, עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין דִי שְׁטָאט טֶעפְּלִיק אוּן עֶר הָאט מְקָרֵב גֶעוֶוען אַסַאךְ אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אִיז גֶעוֶוען אַ דָארְפְס-אִיד, וָואס פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ אִים צוּ הֶערְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

רֶבִּי מֵאִיר פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז פּוּרִים פְלֶעגְט עֶר מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, אוּן צְוֵויי אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג הָאט מֶען אַרָאפְּגֶעמַאכְט דִי לָאדְנְס, פַארְמַאכְט אַלֶע פֶענְסְטֶערְס, מֶען הָאט אָנְגֶעצוּנְדְן אַסַאךְ לִיכְט אוּן גֶעגֶעסְן אוּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אוּן גֶעטַאנְצְן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט.

אֵיין יָאר פּוּרִים אִיז דֶער דָארְפְס-אִיד גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט צוּ ר׳ מֵאִיר אִינְדֶערְהֵיים מִיטְצוּהַאלְטְן דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע סְעוּדַת פּוּרִים. אִינְמִיטְן טַאנְצְן הָאט ר׳ מֵאִיר בַּאמֶערְקְט וִוי אַלֶע טַאנְצְן אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ אוּן נָאר דֶער דָארְפְס-אִיד זִיצְט אִין דִי זַייט טְרוֹיעֶרִיג אוּן עֶר הַאלְט נִישְׁט מִיט דִי שִׂמְחָה. ר׳ מֵאִיר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי טְרוֹיעֶרִיג? הַיינְט אִיז דָאךְ פּוּרִים מֶען דַארְף זַיין פְרֵייליךְ", הָאט דֶער דָארְפְס-אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס טוּט מֶען אָבֶּער וֶוען מֶען הָאט אַ צִבְיָ׳ אוֹיפְן קָאפּ?" וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ טֶעכְטֶער חֲתוּנָה צוּ מַאכְן, אוּן דִי עֶלְטְסְטֶע הָאט גֶעהֵייסְן צִבְיָ׳, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט אִיר חֲתוּנָה צוּ מַאכְן.

הָאט אִים ר׳ מֵאִיר גֶעזָאגְט: "אוּן אַז עֶס אִיז דִיר אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אִיז דָאס דִי עֵצָה? צוּ זִיצְן אִין דִי זַייט טְרוֹיעֶרִיג? דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַנְדֶערְשׁ גֶעלֶערְנְט, מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּנֶעם רֶבִּי׳ן אַז וֶוען עֶס אִיז גָאר שְׁלֶעכְט, שְׁרֵייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי'". ר׳ מֵאִיר הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט בַּיים הַאנְט

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

אוּן אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דִי רִינְג, אַלֶע זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אָנְגֶעטְרוּנְקֶען אוּן פְרֵיילִיךְ אוּן רֶבִּי מֵאִיר שְׁרֵייט צוּם דָארְפְס-אִיד: "הֶער מִיךְ צוּ, זָאג מִיךְ נָאךְ, אוֹיבּ עֶס אִיז שׁוֹין גָאר שְׁלֶעכְט, שְׁרֵייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי'", אוּן דֶער דָארְפְס-אִיד הָאט אִים נָאכְגֶעזָאגְט, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַסַאךְ מָאל מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת אוּן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, בִּיז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין הֵייזֶערִיג גֶעוָוארְן.

נָאךְ פּוּרִים הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אִיד אִיז דוּרְכְגֶעפָארְן דֶעם דָארְף אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם דָארְפְס-אִיד. דִי עֶלְטֶסְטֶע טָאכְטֶער צְבִיָ' הָאט אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן אָנְגְרֵייטְן פַאר'ן אוֹרֵחַ עֶפֶּעס צוּ עֶסְן,

דִי מֵיידְל אִיז גֶעפָאלְן פַאר'ן אוֹרֵחַ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּם דָארְפְס-אִיד: "אִיךְ הָאבּ אַ בָּחוּר אִינֶעם זֶעלְבְּן עֶלְטֶער, אֶפְשָׁר זָאלְן מִיר זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין?" דֶער דָארְפְס-אִיד הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר אִיז מַסְכִּים, עֶר דַארְף אָבֶּער קוֹדֶם פְרֶעגְן זַיין רֶבִּי'ן, וֶוען דֶער אוֹרֵחַ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וֶוער זַיין רֶבִּי אִיז, הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "רֶבִּי מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער. עֶר הָאט מִיר מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם רֶבִּי'ן" הָאט דֶער אוֹרֵחַ גֶעזָאגְט: "עֶר וֶועט זִיכֶער מַסְכִּים זַיין". זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעפָארְן אוֹיף טֶעפְּלִיק צוּ רֶבִּי מֵאִיר, אוּן עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען, אוּן מֶען הָאט גֶעשְׁלָאסְן דֶעם שִׁידוּךְ בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת.

הָאט מֶען דֶעמָאלְט בַּאשַׁיינְפֶּערְלִיךְ גֶעזֶען וִוי דִי תְּפִלּוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין פּוּרִים הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט אַ יְשׁוּעָה.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶען אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען דַארְף אַרָאפְּנֶעמֶען עֶטְלִיכֶע מִינוּט אִין טָאג אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף אוּן דַאן וֶועט מֶען זֶען גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת.

### מִשְׁתֵּה הַיַּיִן

חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה ז:) "חַיָּב אִינִישׁ לְבַסּוּמֵי בְּפוּרַיָּא עַד דְּלָא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי", פּוּרִים דַארְף מֶען טְרוּנְקֶען וַויין בִּיז מֶען וֵוייסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּן "אָרוּר הָמָן" צוּ "בָּרוּךְ מָרְדְּכַי". דָאס אִיז אַלְס זֵכֶר צוּ דִי גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִי אִידְן דוּרְךְ וַויין.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס טְרִינְקֶען וַויין דַארְף זַיין מִיט שֵׂכֶל, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען דַארְף נָאךְ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה. דֶערְפַאר אִיז גֶענוּג וֶוען מֶען טְרִינְקְט צְוֵויי דְרֵיי כּוֹסוֹת מֶער פוּן וִויפִיל מֶען אִיז צוּגֶעוואוּינְט, בִּיז דִי קָאפּ הֵייבְּט זִיךְ אָן דְרֵייעֶן אוּן מִיט דֶעם הָאט מֶען יוֹצֵא גֶעוֶוען. נִישְׁט וִוי דִי וָואס טְרִינְקְן זִיךְ אָן אוּן וֶוערְן שִׁיכּוֹר וִוי לוֹט, אוּן זֵיי פַארְפַאסְן בֶּענְטְשְׁן, דַאוֶוענֶען, אוּן קְרִיאַת שְׁמַע; וָואס הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעטוּן מִיט דֶעם? אוֹיסֶער דֶעם דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס טְרִינְקֶען טָאר נִישְׁט צוּבְּרֶענְגֶען אַז מֶען זָאל צוּלִיבּ דֶעם שֶׁעדִיגְן אָדֶער שְׁלָאגְן אַ צְוֵוייטְן אִיד חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער עִיקָר צוּ וָואס מֶען דַארְף צוּקוּמֶען אִיז אַז מֶען זָאל נִישְׁט וִויסְן קַיין חִילוּק צְוִוישְׁן "אָרוּר הָמָן" אוּן "בָּרוּךְ מָרְדְּכַי". מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אִיז דִי גְרֶעסְטֶע קְדוּשָּׁה וָואס עֶס אִיז נָאר דָא, אוּן הָמָן הָרָשָׁע אִיז דִי גְרֶעסְטֶע טוּמְאָה וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין מֶענְטְשְׁן סְפֵיקוֹת אוּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס מַאכְט אַז מֶען זָאל טוּן עֲבֵירוֹת אוּן זִיךְ אָפְּרַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם.

פּוּרִים דַארְף מֶען צוּקוּמֶען צוּ וִויסְן אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט שׁוֹין טִיף אִינֶעם "אָרוּר הָמָן", זַיין גַאנְצֶער קָאפּ אוּן מֹחַ לִיגְט נָאר אִין עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטוּן אַזוֹי סַאךְ עֲבֵירוֹת אִין זַיין לֶעבְּן אוּן עֶר אִיז אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיךְ אַ "בָּרוּךְ מָרְדְּכַי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיךְ מִיט אִים שְׁטֶענְדִיג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן אִים קֵיינְמָאל, עֶר דַארְף נָאר עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִין יֶענֶע סֶעקוּנְדֶע אִיז עֶר שׁוֹין צוּרִיק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

(קוּנְטְרֵס אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וָואס מֵיינְט דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים פַאר מִיר?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ.

אַזוֹי וִוי עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ שׁוֹין דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים, אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל אִיבֶּער דֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים, אוּן וָואס דָאס מֵיינְט פַאר מִיר?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אָדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵינוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז אוּנְז מְעוֹדֵד, מְשַׂמֵּחַ אוּן מְחַזֵּק אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אוּנְז אַרָאפּ וְכוּ' אוּן מִיר זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם, נָאר שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי.

יֶעצְט קוּמְט דֶער הֵילִיגֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים וֶוען מֶען גֵייט זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן דִי מְגִילָּה; מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִּיקִים אַז בִּשְׁעַת קְרִיאַת מְגִילָּה עֶפֶענֶען זִיךְ אוֹיף אַלֶע הִימְלֶען אוּן מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת. וַוייל יֶעדֶעס מָאל עֶס שְׁטֵייט אִין דִי מְגִילָּה דָאס וָוארְט 'הַמֶּלֶךְ' סְתָּם אִיז דָאס מְרַמֵּז אוֹיפְן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וֶועלְן מִיר טַאקֶע זוֹכֶה זַיין צוּ (אֶסְתֵּר ב, ג): "וְיַפְקֵד הַמֶּלֶךְ פְּקִידִים בְּכָל מְדִינוֹת מַלְכוּתוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז פּוֹקֵד זַיין מִיט אַלֶע עֶרְלֵיי יְשׁוּעוֹת בְּרוּחְנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת. בִּשְׁעַת'ן לֵיינֶען דִי מְגִילָּה אִיז זֵייעֶר מְסוּגָּל צוּ פּוֹעֶל'ן שִׁידוּכִים, פַּרְנָסָה, קִינְדֶער וְכוּ', אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה ד:): "עֵינֵיהֶם שֶׁל עֲנִיִּים נְשׂוּאוֹת בְּמִקְרָא מְגִילָּה", דִי אוֹיגְן פוּן דִי אִידְן, וָואס מִיר זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶערִיסְן - יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז אַ עָנִי אוֹיף זַיין אוֹפְן –קוּקְן אַרוֹיס אוּן מִיר וַוארְטְן אַלֶע צוּ הֶערְן דִי מְגִילָּה צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן דֶערְבֵּיי מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער סְפִּינְקֶער רֶבִּי דֶער בַּעַל אִמְרֵי יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן יֶעדֶעס יָאר פֶּסַח בַּיים צְוֵוייטְן סֵדֶר נַאכְט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס אִיז גֶעזִיצְן דִי צְוֵוייטֶע נַאכְט פֶּסַח נָאכְן סֵדֶר אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם צְוֵוייטְן סֵדֶר, דִי גַאנְצֶע הַגָּדָה אוּן אוֹיךְ שִׁיר הַשִּׁירִים, וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ זָאגְן עֶפֶּעס לוֹיבּ אוּן דַאנְק פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן?' אִיז אִים בַּייגֶעפַאלְן, אַז אַזוֹי וִוי דֶער נֵס פּוּרִים וֶוען מֶען הָאט אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען הָמָן הָרָשָׁע אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶעם צְוֵוייטְן טָאג פֶּסַח, וֶועט עֶר יֶעצְט לֵיינֶען דִי מְגִילָּה לִכְבוֹד דֶעם גְרוֹיסְן נֵס.

אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעלֵיינְט דִי מְגִילָּה; וֶוען דֶער אִיד הָאט גֶעעֶנְדִיגְט לֵיינֶען דִי מְגִילָּה הָאט עֶר דֶערְזֶען פַאר זִיךְ שְׁטֵיין אַ נְשָׁמָה פוּן יֶענֶע וֶועלְט, הָאט דֶער אִיד גֶעפְרֶעגְט דִי נְשָׁמָה: "וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מִיר אוּן וָואסֶערֶע שַׁייכוּת הָאסְטוּ מִיט מִיר אַז דוּ קוּמְסְט צוּ מִיר?" הָאט דִי נְשָׁמָה אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס טוּט זִיךְ אוֹיבְן אִין הִימְל. אַז עֶס זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַרִיבֶּער דֶעם גֵיהִנּוֹם אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ אַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה אַרַיין צוּ קוּמֶען אִין גַן עֵדֶן בִּיז זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער זְכוּת. אוּן יֶעדֶעס יָאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָּה עֶפֶענְט מֶען אוֹיף דִי טִירְן פוּן גַן עֵדֶן, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס אַלֶע נְשָׁמוֹת קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן. אַפָּאר חֳדָשִׁים פַאר פּוּרִים קוּמֶען צוּ גֵיין טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער נְשָׁמוֹת בַּיים טִיר פוּן גַן עֵדֶן וַוייל זֵיי ווִילְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן, אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶס נֶעמְט נִישְׁט מֶער וִוי אַפָּאר שָׁעָה וִוי לַאנְג מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָּה, אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג צַייט אַז אַלֶע נְשָׁמוֹת זָאלְן קֶענֶען אָנְקוּמֶען אִין גַן עֵדֶן, דַארְפְן זֵיי וַוארְטְן אוֹיפְן קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָּה.

זָאגְט דִי נְשָׁמָה וַוייטֶער: "אִיךְ פְּרוּבִיר שׁוֹין אַפָּאר יָאר זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן בַּיים טִיר פוּן גַן עֵדֶן כְּדֵי צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין, אָבֶּער אַלֶעמָאל פַארְמַאכְט זִיךְ דִי טִיר פוּנְקְט פַאר אִיךְ גֵיי אַרַיין; דִי יָאר הָאבּ אִיךְ זִיךְ שׁוֹין כִּמְעַט אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אָבֶּער מַמָּשׁ פַאר מִיר הָאט זִיךְ דִי טִיר פַארְמַאכְט! הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּארֶעכְנְט אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָא בִּיזְן קוּמֶענְדִיגְן יָאר, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין. אַזוֹי וִוי אִיךְ שְׁטֵיי דָא אוּן וַוארְט אוֹיף קוּמֶענְדִיגֶער יָאר פּוּרִים, הֶער אִיךְ פְּלוּצְלִינְג וִוי אֵיינֶער לֵיינְט דִי מְגִילָּה, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ קְלַאפְּן אוֹיפְן טִיר פוּן גַן עֵדֶן אַז מֶען זָאל מִיר עֶפֶענֶען דִי טִיר, אִיז גֶעקוּמֶען דֶער מַלְאָךְ וָואס אִיז מְמוּנֶּה צוּ זַיין דֶער שׁוֹמֵר הַפֶּתַח אוּן מִיךְ גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס אִיךְ קְלַאפּ, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט: 'וָואס הֵייסְט, אִיךְ הֶער וִוי מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָּה אוּן אִיךְ ווִיל אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן', הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: 'אֱמֶת טַאקֶע אַז אֵיינֶער לֵיינְט דִי מְגִילָּה, אָבֶּער יֶעצְט אִיז פֶּסַח בַּיינַאכְט, יֶעצְט אִיז נִישְׁט דִי צַייט אַרַיין צוּ גֵיין אִין גַן עֵדֶן, דוּ דַארְפְסְט וַוארְטְן אוֹיפְן קוּמֶענְדִיגֶער יָאר פּוּרִים', אִיךְ הָאבּ מִיךְ אָבֶּער נִישְׁט גֶעלָאזְט אוּן צוּרִיק גֶע'טַעֲנָה'ט: 'וָואס אִיז אַ נַפְקָא מִינָהּ צִי עֶס אִיז פֶּסַח צוּ פּוּרִים? וִויבַּאלְד מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָּה דַארְף מֶען מִיר אַרַיין לָאזְן!' אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט בִּיז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען פוּן בֵּית דִּין שֶׁל מַעֲלָה זֶען וָואס דִי קוֹלוֹת זֶענֶען, נָאכְן אוֹיסְהֶערְן בֵּיידֶע צְדָדִים הָאט בֵּית דִּין שֶׁל מַעֲלָה גֶעזָאגְט אַזוֹי: 'יֶעצְט אִיז טַאקֶע נִישְׁט דִי צַייט וֶוען מֶען קֶען אַרַיינְלָאזְן אִין גַן עֵדֶן, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט גֵיין צוּ דֶער אִיד וָואס לֵיינְט דִי מְגִילָּה אוּן עֶר וֶועט פַּסְקְ'נֶען אַז מֶען דַארְף דִיר אַרַיין לָאזְן אִין גַן עֵדֶן, וֶועט מֶען דִיר אַרַיינְלָאזְן'".

הָאט דִי נְשָׁמָה גֶעבֶּעטְן דֶעם אִיד: "אִיךְ בֶּעט אַייךְ, גֶעבְּט מִיר רְשׁוּת אַרַיין צוּ גֵיין אִין גַן עֵדֶן אִיךְ זָאל שׁוֹין מְתוּקָן וֶוערְן". הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט: "אִיךְ נֶעם אוֹיף מִיר דֶעם תַּפְקִיד דִיר צוּ מְתַקֵּן זַיין אוּן גֵיי זָאג פַארְן בֵּית דִּין שֶׁל מַעֲלָה אַז מֶען זָאל דִיר אַרַיין לָאזְן אִין גַן עֵדֶן".

עַד כַּאן הַמַּעֲשֶׂה וָואס דֶער בַּעַל אִמְרֵי יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן יֶעדֶעס יָאר פֶּסַח; דִי וָואס הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאבְּן שׁוֹין אַלֵיינְס פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט מִיט אִים אַלֵיינְס.

זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה - הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט, אַז בִּשְׁעַת מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָּה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

אַרַיין צוּ גֵיין אִין גַן עֵדֶן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן קיט) אַז דֶער גַן עֵדֶן אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דָאס אִיז גַן עֵדֶן. צוּ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה וֶוען מֶען לֵיינְט דִי מְגִילָה.

אִין דִי מְגִילָה זֶעט מֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ. הָמָן הָאט דָאךְ גֶעהַאט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט; כָּבוֹד, גֶעלְט, הַייזֶער אוּן קִינְדֶער, אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הָאט אִים גְרוֹיס גֶעמַאכְט אוּן אִים גֶעשְׁטֶעלְט אַלְץ שַׂר אוֹיף אַלֶע זַיינֶע מְדִינוֹת, פַּארְוָואס אִיז אִים אָנְגֶעגַאנְגֶען אַז מָרְדְּכַי בּוּקְט זִיךְ נִישְׁט פַאר אִים?! הָמָן הָאט גֶעזָאגְט (אֶסְתֵּר ה, יג): "וְכָל זֶה אֵינֶנּוּ שֹׁוֶה לִי בְּכָל עֵת אֲשֶׁר אֲנִי רֹאֶה אֶת מָרְדֳּכַי הַיְּהוּדִי יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ", עֶס אִיז מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְט מַיין גַאנְצֶע רַייכְטוּם וֶוען אִיךְ זֶע מָרְדְּכַי זִיצְן בַּיים טוֹיעֶר פוּן קֶענִיג; וָואס הָאט אִים אַזוֹי גֶעאַרְט? וָואס הָאסְטוּ מִיט מָרְדְּכַי? דֶער גַאנְצֶער לַאנְד גֶעבְּט דִיר אָפּ כָּבוֹד, וָואס וֶוערְסְטוּ אַזוֹי אוֹיסֶער זִיךְ וְכוּ׳?! נָאר וָואס דֶען, הָמָן דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע, עֶר וֶוערְט רַייךְ פוּן עֲבֵירוֹת וָואס עֶר אִיז מַכְשִׁיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר וִויל נָאר אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ מְיַיאֵשׁ זַיין אוּן מֶער נִישְׁט קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אָבֶּער וֶוען עֶר זֶעט וִוי דֶער אִיד מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג, נָאר עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן; דֶער אִיד קוּמְט וַוייטֶער אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב אוּן כַאפְּט אַרַיין אַבִּיסְל לֶערְנֶען, בִּפְרַט אַ בְּלַאט גְמָרָא; עֶר זֶעט דֶעם אִיד "יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ" עֶר קוּמְט וַוייטֶער צוּרִיק אִין שׁוּל, דַאן וֶוערְט עֶר וִוילְד אוּן שְׁרֵייט: "וְכָל זֶה אֵינֶנּוּ שֹׁוֶה לִי!" עֶס אִיז אִים גָארְנִישְׁט וֶוערְד דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר אִיז מַכְשִׁיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וַוייל עֶר אִיז מַכְשִׁיל אַ מֶענְטְשׁ - אִין וָואס עֶר אִיז אִים מַכְשִׁיל - נָאר וַוייל עֶר וִויל עֶר זָאל אוֹיפְגֶעבְּן אוּן וֶוען עֶר זֶעט אַז מָרְדְּכַי, דֶער אִיד, גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף אוּן בּוּקְט זִיךְ נִישְׁט פַאר אִים, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן.

דָאס דַארְפְן מִיר מִיטְנֶעמֶען פוּנֶעם יוֹם טוֹב פּוּרִים; מִיר דַארְפְן שְׁרֵייעֶן (אֶסְתֵּר ג, ב): "וּמָרְדֳּכַי לֹא יִכְרַע וְלֹא יִשְׁתַּחֲוֶה"; אִיךְ גֵיי זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶערְגֶעבְּן פַאר הָמָן הָרָשָׁע אוּן אִיךְ גֵיי נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן! אִיךְ גֵיי וַוייטֶער קוּמֶען אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג, אֲפִילוּ אִיךְ זֶע אוֹיס וִוי אִיךְ זֶע אוֹיס. אִיךְ גֶעבּ זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער פַארְן יֵצֶר הָרָע, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין; מֶענְטְשְׁן לָאזְן אָפּ תּוֹרָה וּתְפִילָּה נָאר וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין זֵיי אַ שׁוּלְד גֶעפִיל, עֶר מַאכְט זֵיי שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פוּנֶעם עָבַר.

**אַ פְרֵיילִיכְן פּוּרִים אוּן אַ שִׂמְחַת תָּמִיד.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשע"ח)

## סימן טוב ומזל טוב

החתן מו"ה **שמעי' וואקס** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג

החתן מו"ה **אלחנן זויבערמאן** הי"ו
צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג

החתן מו"ה **שמואל זיינוויל גרינבוים** הי"ו
צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג

מו"ה **בערל שניטצלער** הי"ו
מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

מו"ה **אשר קרויס** הי"ו
מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

מו"ה **יוסף יאקאבאוויטש** הי"ו
וואס העלפט דרוקן דעם הייליגן רבי'נס ספרים
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

מו"ה **שלום פאללמאן** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

מו"ה **חיים זאנוויל אפפעלדארפדער** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# מסיבת הכרת הטוב דעם פארגאנגענעם מוצש"ק

דעם פארגאנגענעם מוצאי שב"ק זענען פילע אנשי שלומינו זיך צוזאמגעקומען צו א הערליכע מלוה מלכה און מסיבת "הכרת הטוב" וואס איז אהערגעשטעלט געווארן לכבוד די אלע טייערע אינגעלייט וואס נעמען אנטייל און העלפן באצאלן די רענט פאר די בנינים פון די הייליגע מוסדות במשך די גאנצע יאר.

די "רענט קאמפיין" ווערט אנגעפירט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט דורך מו"ה שבתי דוד מארקוס הי"ו און מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו וועלכע טראגן דעם עול און העלפן באצאלן די חודש'ליכע רענט פאר די בניני הישיבה והמוסדות, און נאך פילע וואוילטעטיגע אקטיוויטעטן. די צוויי חשובע אינגעלייט ווערן אויפגענומען מיט גרויס ווארעמקייט יעדן חודש דורך אנשי שלומינו, וועלכע שפירן א זכי׳ צו קענען צולייגן א פלייצע און ארויסהעלפן באצאלן די חודש'ליכע רענט, וואס מיט דעם נעמען זיי אראפ טייל פון די פינאנציעלן עול וואס ליגט אויפ'ן ראש ישיבה שליט"א, אז דער ראש ישיבה שליט"א קען זיך אפגעבן מיט מער הרחבת הדעת מיט אונז, ארייננצולייגן אין אונז די עצות און חיזוק פון הייליגן רבי'ן, אונז מקרב זיין צום אייבערשטן און אונז שטארקן מיט תורה און תפלה און חיזוק אנצוגיין אין לעבן.

צום ערשט האבן גערעדט עטליכע חשובע בעלי דרשנים וואס האבן אויפגעטרערן מיט געשמאקע דרשות, און דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט די לעצטע בלאט גמרא פון ירושלמי מסכת פאה, גאר א געשמאקע דף מיט פילע שיינע סיפורים וואס חז"ל דערציילן אונז אין דעם דף, און וואס מיר קענען ארויסלערנען דערפון, און דאן האט דער ראש ישיבה שליט"א געמאכט דעם סיום אויף די מסכתא, און דערנאך האט מען געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א, מען קען הערן די דרשה אויף "קול ברסלב", און צום סוף האט מען אויסגעטיילט מתנות פאר אלע נדבנים, און געבענטשט ברכת המזון. דער עולם האט זייער הנאה געהאט פונעם הערליכן געשמאקן פראגראם.

**עזוב תעזוב עמו!**

***

# "פורים מאביל" פארברייטערט אקטיוויטעטן

אזוי ווי די הייליגע מוסדות שטייען יעצט אין גאר א שווערע פינאנציעלע מצב, וועט מען דאס יאר אויסברייטערן די אקטיוויטעטן אום יום טוב פורים, צו מאכן מערערע גרופעס צו קענען אנגעקומען צו אלע היימישע געגנטער אין ניו יארק און ניו דזשערסי און ארום, ווי די בחורים וועלן ארויפקומען און גאר פרייליך מאכן אין די שטיבער פון די נדיבים וואס העלפן ארויס די הייליגע ישיבה זיך צו קענען שטעלן אויף די פיס, און אנפילן די טיפע חובות-לעכער וואס צועפענען זיך לעצטנס מער און מער.

אויב ווילט איר געבן גרעסערע סכומים פאר די הייליגע ישיבה, אדער ווייסט איר פון א שכן, קרוב, אדער גוטער פריינט וואס וואלט געהאט חשק די בחורים זאלן ארויפקומען צו אים אום יום טוב פורים, זעט צו רופן ווי פריער, ווייל מען וועט נאר קענען אננעמען ביז ווילאנג די ליסטע ווערט פול. פאר ברוקלין רופט מו"ה שמעון פיש הי"ו אויף 917-232-9070, און פאר אנדערע געגנטער רופט מו"ה מרדכי לייב טירנויער הי"ו אויף 845-537-7477.

**ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר!**

## פורים מאביל

צו באשטעלן די בחורים זאלן
ארויפקומען צו אייך אום פורים רופט:

**845.537.7477 - 917.232.9070**

## ביהמ"ד היכל הקודש וויליאמסבורג

בנשיאות ראש הישיבה שליט"א

### זמנים לימי הפורים

תפלת מנחה תענית אסתר........6:15
קריאת המגילה ליל פורים.........7:00
תפלת שחרית ביום הפורים.......9:00
קריאת המגילה.......................10:00
סעודת פורים........................6:00
דערנאך טאנצן און פרייען לכבוד פורים
סעודת שושן פורים..................6:00

די ווייבער שול וועט אי"ה
זיין אפן אין אלע זמנים

א פרייליכן פורים, הגבאים

## המקום ינחם אתכם

מיט א שווער הארץ זענען מיר זיך
משתתף מיט די צער און ווייטאג פון
מו"ה **יואל גאלדבערגער** הי"ו
וואס טרויערט אויף די פטירה פון זיין טאטע
ר׳ **נפתלי צבי** בן ר׳ **אברהם אבא** ז"ל
המקום ינחם אותך בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

## א פרייליכן פורים

מגילת אסתר צו לערנען און זיך אויסלערנען
ליינען, שיעורי תורה און שיעורי התחזקות,
מעשיות פאר קינדער, פורים'דיגס, און נאך

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 5**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב,
קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים,
סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >